מאנועל ושאן דיאנא.

# א רעצעפּט געגען שוויגערס

פֿאַרס אין 1 אַקט.

בעארבײַט דורך זלמן זילבערצווייג.

תרע״ט

1919.

HARV
UNIVERSITY
LIBRARY

791

# פּערזאָנען:

פרוי שטײנבערג — 53 יאָהר

פרוי האַרטשטײן — איהר טאָכטער, 35 יאָהר

אַננאַ — איהר טאָכטער

אַרנאָלד װײנבערג — איהר מאַן, 28 יאָהר

יוליוס ליכטענפעלד — יין פֿרײנד 40 יאָהר

דאָקטאָר סאַלאָמאָן פֿעלדמאַן — 52 יאָהר

אַ דינער.

דאָס אױפֿפֿירונגס־רעכט װערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ'ן דראַמאַטישען און מוזי־
קאַלישען שריפטשטעלער־פֿאַרבאַנד אין
פּעטערבורג.
אין פּױלען: דורכ'ן יודישען ליטעראַטען און
זשורנאַליסטען־פֿעראײן אין לאָדז.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

### א עלעגאנט מעבלירט צימער.

אײן טיר אין הינטערגרונד און 2 זײטענטירען. לינקס, נעבען אויװען, פאטאגראפיעס בײ דער װאנד. איבער'ן אויװען א שפיגעל.

## ערשטער אויפטריט.

**ארנאלד, אננא, פרוי הארטשטײן, פרוי שטײנבערג, ד"ר פעלדמאן.**

ארנאלד זיצט בײם טיש רעכטס, האלט א װירטשאפטס בוך און א פעדער אין דער האנד. געגענאיבער אהם אננא, נעבען איהר אויף א זאפע פרוי הארטשטײן און פרוי שטײנבערג די דאמען שטיקען אדער לעזען, לינקס, נישט װײט פון אויװען זיצט דאקטאר פעלדמאן אין א פאטעל און לעזט א צײטונג.

**דאקטאר** (איבעררײסענדיג דאס לעזען): גאט, שוין װידער א באהן-קאטאסטראפע!

**פרוי שטײנבערג:** שוין װידער! שרעקליך!

**ארנאלד:** אזוי שרעקליך, אז מ'װאלט שוין גערן געװאלט אז ס'זאלען זיך צוריק אומקערען די אלטע גוטע צײטען, װען מ'איז געפאהרען אין א פאסט-װאגען — נישט אמת, באבעניו? (פרוי שטײנבערג מאכט א שלעכט-געשטימטע בװעגונג. אננא װארפט ארנאלד'ן צו א בליק, װי זי װאלט איהם געבעטען װײטער נישט צו רײדען)

**פרוי הארטשטײן:** און אויסערדעם איז גארנישט פאר-האן נײעס אין דער צײטונג, ה' דאקטאר?

**דאקטאר:** נײעס?... כ'װײס! אויסער א טוץ מיניסטארען-

קריזיסען און אייניגע הונדערט רויב אָנפאַלען. געדענק איך בכלל נישט, אַז כ'זאָל האָבען געזעהען שוין זייט 3 חדשים עפּעס נייעס אין דער צייטונג.

אַרנאָלד: און טאָמער איז שוין יאָ דאָ אַמאָל עפּעס אַ סענזאַציאָנעלע מעשה, ווערט זי באַלד צומאַרגענס אָבגעלייקענט.

דאָקטאָר: דאָס הייסט, פון דער קאָנקורענץ צייטונג..

אַרנאָלד: פערשטעהט זיך.

פרוי האַרטשטיין: זענען די רעכנונגען אין אָרדנונג, אַרנאָלד?

אַרנאָלד: איך רעכען דאָך ערשט נאָך...

פרוי שטיינבערג: אייל זיך נאָר נישט און האָב נישט קיין טעות...

אַרנאָלד: זאָל גאָט אָבהיטען, באָבע! (פרוי שטיינבערג וואַרפט אויף איהם אַ בייזען בליק, אַננאַ גיט איהם אַ צייכען, אַז ער זאָל אויפהערען. נאָך אַ פּויזע, שטיל צו אַננאַ) מיר וועלען היינט אַרויסגעהן אַביסעל שפּאַצירען?

אננא (צו דער מוטער): מאמא, וועסט געהן מיט אונז היינט שפּאַצירען?

פרוי האַרטשטיין (צו איהר מוטער): וועסט געהן היינט אַביסעל מיט אונז, מאַמאַ?

פרוי שטיינבערג (צו איהר טאָכטער): ס'איז היינט אַזוי קיהל אין דרויסען.

פרוי האַרטשטיין (צו איהר טאָכטער): ס'וועט נאָך זיכער רעגנען.

אַננאַ (צו אַרנאָלד'ן): ס'איז היינט אַזאַ שלעכט וועטער, אַרנאָלד.

אַרנאָלד: אַ שלעכט וועטער! אויפ'ן גאַנצען הימעל זעהט מען דאָך אָבער נישט קיין וואָלקענדיל.

אַננאַ (אַזאַרט): אַרנאָלד!

פרוי האַרטשטיין: ס'וועט נאָך רעגנען; פערלאָז דיך אויף מיר, אַז איך זאָג, ווייס איך וואָס כ'רייד.. זענען די רעכנונגען אין אָרדנונג?

אַרנאָלד (קוקט אַריין אין די פּאַפּירען): יאָ, ס'שטימט אויף

אַ האָר, באָבע. (פֿרוי האַרטשטיין קוקט איהם בייז אָן) דאָקטאָר, וואָס שפּיעלט מען היינט אין טעאַטער?

דאָקטאָר (קיקט אַריין אין צייטונג): עווא.

ארנאָלד (צו אַנגאַ׳ן) ווי מיינסטו, צאַנאַ, זאָלען מיר געהן צו עוואַ?

אַנגאַ (האַלב אַפּאַרט): עוואַ? דאָס איז אַ פּרעכטיגע זאַך! (צו איהר מוטער) וואָס זאָגסט דו דערצו, מאַמא?

פֿרוי שטיינבערג (צו איהר טאָכטער): עוואַ! אַך, דאָס איז אַ לאַנגווייליגע זאַך.

פֿרוי האַרטשטיין (צו איהר טאָכטער): אַ צו אַלטע זאַך.

אַנגאַ (צו אַרנאָלד׳ן): כּדאַי ניט ליעב די זאַך.

ארנאָלד (אַפּאַרט): נאָך אַ משפּט פֿון אַלע דריי ווייבער האָב איך עס פֿריהער געקאָנט ערוואַרטען.

פֿרוי שטיינבערג: ווילסטו נישט בעסער אַריינגעהן שפּילען מיט מר אַ פּאַרטיע שאָך?

אַרנאָלד: איך דאַנק, איך דאַרף צאַוועקגעהן.

אַנגאַ: דו געהסט אַוועק?

אַרנאָלד: דו ווייסט דאָך, צו סאַמעט׳ן וועגען פֿערד, וואָס כ׳וויל קויפֿען.

אַנגאַ: אַ, דאָס געפֿעלט מיר! (צו דער מוטער) מאַמא, ער וויל מיר קויפֿען אַ פֿערד צו רייטען.

פֿרוי שטיינבערג: אַ רייט-פֿערד? דאָס פֿעהלט נאָך! אויף אַזאַ פֿע״ד איז מען דאָך איינגעשטעלט מיט׳ן לעבען.

אַרנאָלד (אַפּאַרט): ס׳איז מיר גוט... זי הויבט אָן און באַלד וועלען כ׳יר האָבען אַ גאַנצען קאָנצערט אויפֿ׳ן זעלבען מאָטיוו.

פֿרוי הארטשטיין (צו איהר טאָכטער): פֿערד זענען אַ זעהר געפֿעהרליך שפּילצייג.

פֿרוי שטיינבערג (צו איהר טאָכטער): מיט פֿערד טאָר מען זיך נישט שפּילען.

דאָקטאָר (צווייי זייטיג): יאָ, פֿערד זענען טאַקע אַ שלעכטע זאַך.

פֿרוי האַרטשטיין: איך קאָן איבערהויפּט נישט הערען

ווייזען וועגען פערד. (צו איהר טאָכטער) דו געהסט?

פרוי שטייבערג: יאָ, איך געה. (צו איהר טאָכטער) דו געהסט אויך? (אננא שאָקעלט אויף ניין) און איהר, ה' דאָקטאָר, געהט אויך נישט.

דאָקטאָר: איך געה יאָ (די פרויען הארטשטיין און שטיינבערג און דאָקטאָר — אָב).

## צווייטער אויפטריט.

אַרנאָלד. אַננאַ.

אַרנאָלד: וואָס פאַר'ע שרעקליכע לאַגע!

אַננאַ: וואָס פעהלט דיר דען, טייערער?

אַרנאָלד: לאָז מיך אָב!

אַננאַ: ביזט בייז אויף מיר?

אַרנאָלד: אויף דיר? זאָל גאָט אָבהיטען! ניין, דו ביזט פונקט אַזוי אומגליקליך ווי איך.

אַננאַ: דו — אומגליקליך?

אַרנאָלד: דו רעכענסט, אַז ס'איז אַזוי בעקוועם פאַר אַ מאַן שטענדיג צו ליגען אונטער'ן פאַנטאַזיע און קיינמאָל נישט צו קאָנען אויפהויבען דעם אייגענעם קאָפ?

אַננאַ: דו ביזט שלעכט געשטימט.

אַרנאָלד: מ'קען דען אַנדערש זיין? איך בין מעהר קיין מענש, איך בין אַ מאַשין, וואָס ווערט געדרעהט פון דיין מאַמע און באָבע. איך געה שלאָפען, שטעה אויף, געה אַוועק, קום צוריק, עס, טרינק, רעד, שלאָף, זעטס, זיפץ, לאַך, שווייג, שמועס, קרעכץ, זינג און טאַנץ שטענדיג לויט אַ פראָגראַם וואָס איינע פון זיי ביידע אַרבייט מיר אויס. יעדען אין דער פריה אַרבייטען זיי מיר אויס דעם פּלאַן, וואָס איך האָב צו טהון אַ גאַנצען טאָג... זיי וועלען מיר נאָך באַלד בעפעהלען וואָס כ'האָב צו טהון ביי נאַכט אויך.

אַננאַ (בערוהיגענד): אַרנאָלד — דאָס איז שוין איבערגעטריבען!

אַרנאָלד: ניין, ניין, ס'האַלט שוין גאָרנישט ווייט דערפון. און דערצו איז נאָך מיין אומגליק גרעסער ווי אַלעמענס. אַנדערע יונגע פּאָרלעך האָבען נאָר איין שוויגער, און איך אומגליק-

ליבער האָב צווי.

אַנ נאַ: אָבער וואָס זאָל מען דערצו טהון?

אַרנאָלד: אָ, ווען איך וואָלט געוואוסט... אזוי קאָן עס אָבער נישט בלייבען; מיר האָבען נישט חתונה געהאַט צו פערברענגען אַזאַ לעבען. ווען איך וואָלט פריהער געוואוסט, אַז איך וועל זיין אייביג פער'משפט אויף צוויי גיהונום'ס, וואָלט איך...

אַנ נאַ: דו האָסט חרטה אויף אונזער חתונה! פו, איך וויל מעהר, גאָרנישט הערען פון דיר. איך געה שוין אַוועק!

אַרנאָלד: צו די שוויגערס... קוש זיי דאָרט אָנשטאָט מיר!

אַנ נאַ (קומט צוריק, שטעקט אויס דעם שטערן) גוט... איך האָב אָבער נישט צו בּאָרגען... (אַרנאָלד קושט זי) איצט וועל איך האָבען אָבצוגעבען. דו קומסט דאך באַלד? (אב)

אַרנאָלד: יאָ.

## דריטער אויפטריט

אַרנאָלד, דערנאָך דער דינער און ליכטענפעלד.

אַרנאָלד: אַ שאָד! אַ גוטע פרוי, נאָר זי האָט צופיל מורא פאַר איהר מוטער און באָבע. ווייטער קאָן אָבער אזוי נישט געהן, מ'מוז צו טראַכטען עפּעס אַ מיטעל.

דינער (ברענגט אַריין אַ וויזיט קאַרטע, באַלד אָב).

אַרנאָלד (נעמט די קאַרטע): יוליוס ליכטענפעלד! מיין בעסטער פריינד! ער דאָ?

יוליוס (אַריינקומענדיג): יאָ, דאָ איז ער.

אַרנאָלד: אַך, ליבער פריינד, וואָס פאַר'ע גליקליכער צופאַל האָט דיך דאָ אַהערגעבראַכט. מיר האָבען זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געזעהען. וואָס מאַכסטו? און וואָס מאַכט דיין פרוי?

יוליוס: איך האָב נישט מעהר קיין פרוי...

אַרנאָלד: וואָס?

יוליוס: וואָס דו הערסט. שוין 3 יאָהר ווי כ'בין אַליין.

אַרנאָלד: אָרימער פריינד — און דו ביזט דאָך געווען גליקליך?!

יוליוס: יאָ, מיין פרוי איז געווען זייער אַ גוטע און כ׳וואָלט געווען גליקליך, ווען דער טייוועל וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט אין מיטען.

אַרנאָלד: דער טייוועל? אַהאַ, כ׳פאַרשטעה; דו מיינסט, דיין שוויגער.

יוליוס: געטראָפען... זי האָט ביי אונז געוואוינט און וואָס איך האָב זיך פון איהר אָנגעליטען, קאָנסטו דיר גאָרנישט פאָרשטעלען. ווי קאָנסטו פיהלען די צרות וואָס מ׳ליידט זיך אָן פון אַ שוויגער, אַז דאָ האָסט נאָך נישט דיין אייגענע היים.

אַרנאָלד: איך האָב.

יוליוס: דו האָסט חתונה געהאַט?

אַרנאָלד: יאָ, מיט אַ חודש צוריק.

יוליוס: מזל-טוב. און אַ שוויגער האָסטו?

אַרנאָלד: ניין.

יוליוס: גליקליכער מענש, לאָז מיך דיר גראַטולירען.

אַרנאָלד: כאַפּ נישט.

יוליוס: פאַרוואָס?

אַרנאָלד: ווייל... כ׳האָב 2 שוויגערס.

יוליוס: צוויי! ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?

אַרנאָלד: מיין פרוי׳ס מוטער און אַ באָבע...

יוליוס: און דו וואוינסט צוזאַמען מיט זיי? (אַרנאָלד מאַכט אַ צייכען אויף יאָ) אַך, ליבער פריינד, ווי איך בעדויער דיך! ווי זאָגט מען עפּעס, מ׳זאָל נישט געהן צים רופא נאָר צום חולה, נאָר איך קאָן דיר מיטפיהלען דעם טעם פון דער חולאת, וואָס מ׳רופט אָן: שוויגער... אַזאַ דיק בוך וואָלט איך געקאָנט וועגען דעם זאָני־שרייבען. שוויגערס זענען פאַראַן 3 קאַטעגאָריעס: אַ שוויגער אויף אַ מרחק פון 100 מייל, איז אַ לייכט פיבער, אַ שוויגער אין דער זעלבער שטאָדט, איז אַ שטאַרק פיבער, און אַ שוויגער אונטער׳ן זעלבען דאַך, איז די כאָלערא אליין!

אַרנאָלד: און איך, ברודער, שטעק אין דערדריטער קאַטעגאָריע און אויב ס׳איז פאַראַן אַ פירטע, בין איך אין דער פירטער.

יוליוס (שמעקט מיט דער נאָז): סשמעקט דאָ טאַקע מיט שוויגערס.

אַרנאָלד: נישט אמת, ס׳שמעקט מיט פּולווער?

יוליוס: יאָ, אַזוי ווי אַ בליק חאָלט אַריינגעשלאָגען.

אַרנאָלד: אַלע עשר מכות זעגען דאָך גאָרנישט געגען מיינע צרות...

יוליוס: און דו טהוסט גאָרנישט געגען דעם?

אַרנאָלד: איך האָב געפּרובט... וואָס קאָן מען אָבער אויפטהון געגען אַ שוויגער? שטעל דיר פאָר, אַז זי האָט זיך אַהערגעבראַכט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט פאַר איהר ערפונדען אַ מיטעל לאַנג צו לעבען.

יוליוס: דעם דאָקטאָר עקספּעדיר איך באַלד.

אַרנאָלד: דו?

יוליוס: יאָ, דאָס איז ביי מיר פון די לייכטע זאַכען. זאָג נאָר, ער יאָגט זיך עפּעס נאָך כבוד?

אַרנאָלד: אַ שעהנע פראַגע. ער חלום׳ט נאָר שטענדיג וועגען אַ קאַריערע.

יוליוס: אויסגעצייכענט!

אַרנאָלד: וואָס, דו קענסט איהם פערשאַפען די קאַריערע?

יוליוס: ניין, אָבער צוזאָגען קאָן איך איהם דאָך.

אַרנאָלד: אַלזאָ, דעם דאָקטאָר ביזטו מיר בעשט־מט משלח?

יוליוס: יאָ, אַך, אַרנאָלד׳ה, אַרנאָלד! ווער נאָך ווי איך פיהל דיר מיט וואָס דו ליידסט פון דער שוויגער...

אַרנאָלד: פון די שוויגערס...

יוליוס: איך וועל מעהר קיינמאָל נישט דערלאָזען, אַז מ׳זאָל מיר אַריינברענגען אַ שוויגער אין שטוב. דאָס וועט זיין דער ערשטער בעדינג ביי מיין נייעם שדוך.

אַרנאָלד: וואָס, דו געהסט ווידער התונה האָבען?

יוליוס: ליידער!

אַרנאָלד: פאַרוואָס ליידער?

יוליוס: ווייל איך בין פערליבט.

אַרנאָלד: דאָס איז נישט קיין אומגליק.

יוליוס: יאָ, ביי נאָרמאַלע אומשטענדען איז עס נישט קיין גרויס אומגליק; איך בין אָבער פערליבט, נישט וויסענדיג אין וועמען.

אַרנאָלד: דאָס קלינגט ראָמאַנטיש.

יוליוס: אַזוי איז עס טאַקע.

אַרנאָלד: דערצעהל, ס'איז זעהר אינטערסאַנט.

יוליוס: דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר צוריק...

אַרנאָלד: וואַרט... דערצו מוז מען זיך בעקוועם זעצען (זיי זעצען זיך) אַזוי, איצט הייב אָן.

יוליוס: אַ־ערך מיט אַ יאָהר צוריק האָב איך געמאַכט אַ רייזע איבער דער שווייץ. אויף אַ סטאַציע, אויף וועלכע דער צוג איז געשטאַנען אַ פערטעל שעה, בין איך אַרויס געגאַנגען און זיך געזעצט ביי אַ טיש ביים בופעט דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד געגענאיבער זאָל זיך אַוועקזעצען אַ רייצענדע דאַמע, אַז איך זאָג רייצענד גיב איך דיר נאָך נישט איבער דעם בעגריף ווי שעהן זי איז געווען, איהר שטערן, נאָז, אויגען. ס'איז מיר געוואָרען הייס אין אַלע אברים. איך האָב נישט צוגעגלאָצט אָ אויג פון איהר איך האָב אָבער נישט געוואוסט בעשטימט צי זי האָט עס בע־מערקט.

אַרנאָלד: דאָס בעמערקן אַ פרוי שטענדיג.

יוליוס: יאָ, מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי האָט עס בעמערקט, וואָרום איהר שעהן פנים האָט זיך אָנגעהויבען צו רויט־לען. הער אָבער ווייטער: מ'האָט אַריינגעבראַכט קאָטלעטען און ווען מיין שעהנע אונבעקאַנטע דאַמע האָט זיך אויסגעקליבען אַ קאָטלעט, האָט אַ אונבעקאַנטער הערר אַריינגעשטעקט זיין גאָפּעל און זי געוואָלט נעמען פאַר זיך. איך האָב זיך שנעל אַריינגעמישט אַרויסגעכאַפּט דעם הערר'ס גאָפּעל און איהם גאַלאַנט צוזאַמען מיט'ן קאָטלעט דערלאַנגט דער אונבעקאַנטער דאַמע.

אַרנאָלד: און ווי אַזוי ביזטו בעלוינט געוואָרען פאַר דיין העלדען־טאַט?

יוליוס: אַ פעסטען פאַטש, מיט וועלכען דער אונבעקאַנטער הערר האָט מיך מכבד געווען ווען איך בין צוריק אַריין אין צוג

ס'איז ענטשטאַנען אַ טומעל. איך בין אַרויס פון אַ צוג, געלאָפען מאַ־ען אַ אָנקלאַגע, דערווייל איז דער צוג אַוועק און צוזאַמען מיט איהם...

אַרנאָלד: דיין שעהנע אונבעקאַנטע דאַמע.

יוליוס: יאָ, ליידער! און זייט דעמאָלט בין איך שוין דורכגעפאָהרען גאַנץ שווייץ און נאָך אַנדערע לענדער, נאָר אומזיסט

אַרנאָלד: אָרימער פריינד!

יוליוס: נאָר איינמאָל האָב איך זי ווידער געזעהען... איי איינציג מאָל... אין וואַרשא.

אַרנאָלד: מיין פרוי'ס געבורטס־שטאָדט.

יוליוס: זי איז געווען אויף אַ צוג, וואָס האָט ביים אָב־פאָהרען פון וואָקזאַל זיך גראָד בעגעגענט מיט מיין צוג. איינינע מאָל גערופען צו איהר. דער צוג איז אָבער שנעל אַוועק געפלויגען

אַרנאָלד: נו, נו, דו וועסט זי נאָך טרעפען. דערווייל טהו זיך אָבער אויס און איך וועל דיך בעקענען מיט מיין פרוי, וועל־כע כ'האָב שוין אַזוי פיעל דערצעהלט וועגען דיר.

יוליוס: אַ דאַנק דיר. דאָס איז מיר אָבער אונמעגליך, אין אַזאַ קאָסטיום.

אַרנאָלד: נאַרישקייטען. ביי מיר דאַפסטו זיך נישט צער־מאָנירען. ניין, איך לאָז דיך נישט אַוועק, איך רוף שוין אַריין מיין פרוי (אָב).

## פיערטער אויפטריט.

יוליוס (אַליין).

יוליוס: יאָ, איך מוז, איך וועל זי ווידער געפונען! ס'איז מיר זעהר אונאַנגענעם זיך בעקענען מיט אַרנאָלד'ס פרוי אין אַזאַ קאָסטיום... איך זעה זיכער שרעקליך אויס (געהט צו צום שפיגעל איבער'ן אויווען) גאָט מיינער, וואָס זעה איך! די דאָזיגע פאָטאָגראַ־פיע! (ער נעמט אַראָב אַ פאָטאָגראַפיע פון וואַנד) דאָס איז זי! זי איז עס! ווי קומט דאָס דאָזיגע בילד דאָ אַהער? אַרנאָלד קאָן זי אַלזאָ? דאָס איז זי — יאָ, יאָ, דאָס איז זי! (פאַלט פאַר'ן בילד אויף דער קניה, אַזוי, אַז עס קומט אוים מיט'ן רוקען צו דער אַריינגעקומענער פרוי האַרט־

שטיין) — אַך, ווען דו וואָלסט געקאָנט לעבעדיג ווערען!

## פֿינפֿטער אויפֿטריט.

דער פֿאָריגער, פֿרוי האַרטשטיין ווערט הינטערגרונד.

פֿרוי האַרטשטיין: אַהער דאָ... און דערצו נאָך אויף די קניה!... מיין הערר!

יוליוס (דרעהט זיך אָב אויף די קניה): אַ!

פֿרוי האַרטשטיין: וואָס ווילט איהר? וואָס טהוט איהר דאָ?

יוליוס: דאָס איז זי — זי אַליין — גאָט זיי דאַנק, ענדליך האָב איך זי געפֿינען! (שטעהט אויף):

פֿרוי האַרטשטיין (ציהט זיך דערשראָקען צוריק) דער מענש איז משוגע!

יוליוס: פון ליעבע צו אייך, מיין שעהנע אונבעקאַנטע. (ער מאַכט אַ שריט נעהנטער צו איהר, זי ציהט זיך דערשראָקען צוריק)

פֿרוי האַרטשטיין: דערנענטערט זיך נישט אַזוי צו מיר! ווער זענט איהר?

יוליוס: וואָס, איהר דערקענט מיך נישט?

פֿרוי האַרטשטיין: ניין, איהר זענט מיר אונבעקאַנט. איך געדענק ניט, אַז איך זאָל אייך האָבען ערגעץ וואו געזעהען.

יוליוס: איהר דערמאָנט זיך נישט, מיט אַ יאָהר צוריק, אויף אַ באַהן סטאַציע, ווען אַ הערר, האָט געהאַט אַ סקאַנדאַל צוליב אַ קאָטלעט, וואָס מ'האָט ביי אייך געוואָלט צונעהמען.

פֿרוי האַרטשטיין: אַך, יאָ, דאָס זענט איהר?

יוליוס: יאָ, און זייט דעם דאָזיגען אויגענבליק, גנעדיגע פֿרוי, געהער מיין האַרץ אייך!

פֿרוי האַרטשטיין (לאַכט).

יוליוס: אָ, לאַכט נישט פֿון אַ אומגליקליכען. גנעדיגע פֿרוי, ווען איהר וואָלט נאָר געוואוסט...

פֿרוי האַרטשטיין: איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען איין זאך: ווער זענט איהר און ווי אזוי איהר זענט אהער געקומען.

יוליוס: איך בעט אייך טויזענר מאָל ענטשולדיגונג: אך בין ארנאלד׳ס א פריינד; ער האָט געוואָלט (שרייט פלוצלונג אויס) גנעדיגע פרוי!

פרוי הארטשטיין: גאָט מיינער, וואָס איז אייך? איהר האָט מיך דערשראָקען!

יוליוס: אַ שרעקליכער געדאַנק איז מיר געקומען אין קאָפּ, איהר זענט אפשר זיין פרוי?

פרוי האַרטשטיין: זיין פרוי! איך? ניין, איך בין אַ אלמנה.

יוליוס: אַ אלמנה! אָ, איהר האָט מיר צוריק אַריינגעזעצט אַ נשמה! אַ אלמנה! — מיין פריינד וועט שוין מיט אייך ריידען..

פרוי האַרטשטיין: צו וואָס?

יוליוס: כדי איך צו זאָגען, אַז איך ליב אייך ליידענשאַפטליך.

פרוי האַרטשטיין: ווי אַזוי רעדט איהר עפּעס? מיין הערר, איך קען אייך נישט און וועל מעהר נישט הערען אַזוי ריידען. (אָב רעכטס).

## זעקס-ער אויפטר ט.

יוליוס, אַרנאָלד פון לינקס:

יוליוס (לויפט איהר נאָך ביז צו דער טיר): אָבער מיין טייערע, איך ליב עהרליך, אמת׳דיג!

אַרנאָלד: וואָס, דו ליבסט מיין שוויגער!

יוליוס: דיין שוויגער!... ווי אַלט איז זי דען?

אַרנאָלד: 35 יאָהר — צָבער ווי קומסטו, אַז דו זאָלסט זיך איהר ערקלערען אין ליבע?

יוליוס: דיר איז גאָרנישט איינגעפאַלען? די רייצענדע אונבעקאַנטע, וועלכע איך זוך שוין זייט אַ יאָהר...

אַרנאָלד: נו?

יוליוס: איז דאָך דיין — שוויגער! איצט פערשטעהסטו שוין? יאָ, דאָס שיקזאַל מאַכט אונז אָפט זעלטענע איבעראַשונגען. ווער וואָלט דאָס גערעכענט, אַז איך וועל אמאָל ווערען דיין

שווער?

אַרנאָלד: דו?

יוליוס: איך!... איך האָב מיט איהר חתונה.

אַרנאָלד: און דיין שבועה?

יוליוס: וועלכע שבועה?

אַרנאָלד: דו פערגעסט, אַז דו האָסט אַ שוויגער, טאַקע מיין שוויגער מוטער. די דריי ווייבער האָבען געשלאָסען אַ הייליגען בונד און געשוואוירען זיך קיינמאָל נישט צו שיידען.

יוליוס: אויב אַזוי... זאָג מיר נאָר, ווי אַלט איז די אַלטע?

אַרנאָלד: 53 יאָהר.

יוליוס: אָדער זי איז דאָך נאָך פריש (אַרנאָלד שאָקעלט אויף יאָ). און זי וואָלט דאָך געוואָלט האָבען אַ נאָמען אויף זיך, איצט וואָלט מען נאָר געדאַרפט האָבען דעם דאָקטאָר...

## זיבעטער אויפטריט.

די פאָריגע, דאָקטאָר פון לינקס.

דאָקטאָר: מיך מיינט איהר?

יוליוס: יאָ, נאָר מיר וועלען שוין וועגען דער ריידען אַ אַנדער מאָל. (צו אַרנאָלד'ן) און וואו איז דיין פרוי, וועלכע דו האָסט מיר געוואָלט פאָרשטעלען?

אַרנאָלד: זי קומט באַלד... איך געה טאַקע געבען אַ קוק, צי... (געהט, קומט באַלד צוריק) איך האָב גאָר פערגעסען... (שטעלט פאָר) אונזער ליבער הויז-פריינד, דאָקטאָר פעלדמאַן — ה' ליכטענפעלד, מיינער אַ אַלטער יוגענד-פריינד. (די פאָרגעשטעלטע פערבייגען זיך), ענטשולדיגט מיר אויף אַ אויגענבליק, מיינע פריינד (אָב לינקס).

## אַכטער אויפטריט.

דאָקטאָר, יוליוס, שפעטער דער דינער.

דאָקטאָר: ס'פרעהט מיך זעהר צו זיין מיט אייך פערזענליך בעקאַנט. אייער פריינד האָט מיר זעהר פיעל מאָל וועגען אייך דערצעהלט.

יוליוס: און וועגען אייך האָב איך אויך פיעל געהערט.

איבערהופט האָט איהר זיך ערוואָרבען אַ נאָמען זייט איהר האָט ערפונדען דאָס מיטעל צו פערלענגערן דאָס לעבען פון די אַלטע פרויען.

ד אָ ק ט אָ ר: 25 יאָהר האָב איך דערויף געאַרבייט.

י ו ל י ו ס: אָבער ווער האָט אייך ערלויבט צו ענדערן דאָס געזעץ פון דער נאַטור?

ד אָ ק ט אָ ר: איך בין דאָקטאָר!

י ו ל י ו ס: טאַקע צוליב דעם.

ד אָ ק ט אָ ר: איך פערשטעה אייך נישט.

י ו ל י ו ס: איהר ווייסט אַלזאָ נישט וואָס אַ שוויגער איז!

ד אָ ק ט אָ ר: ווי אַזוי זאָל איך ווייסען, אַז איך בין נישט פערהייראַט.

י ו ל י ו ס (אַפּאַרט): אַ גאָלדענע אידעע! (הויך) דאָס דאַרפט איהר אין אייער אייגענער אינטערעס בעדויערן.

ד אָ ק ט אָ ר: פאַרוואָס?

י ו ל י ו ס: ווען איהר וואָלט געווען פערהייראַט, וואָלט איך אייך געקאָנט פערשאַפען אַ זעהר בעדייטענדע און זעהר ענגענעהמע שטעל, וואָס איז פערבונדען מיט אַ גאַנץ בעזונדערע אויסצייכנונג.

ד אָ ק ט אָ ר: אַ אויסצייכנונג? אָ, ווי איך בענק נאָך אַ אויסצייכנונג —

י ו ל י ו ס: — וועלכע איהר האָט עהרליך פערדינט פאַר אייער מיטעל צו פערלענגערן דאָס לעבען פון די שוויגערס.

ד אָ ק ט אָ ר: און דערצו מוז מען, זאָגט איהר, זיין פערהייראַט?

י ו ל י ו ס: יאָ, אָהן דעם געהט עס נישט.

ד אָ ק ט אָ ר: און פון וועמען און פון וואָס איז אָבהענגיג די ענטשיידונג?

י ו ל י ו ס: פון וועמען? — פון מיר, אָדער פון מיין פעטער, נאָר דאָס איז נישט קיין אונטערשיד. פון וואָס? — פון אייער הייראַט.

ד אָ ק ט אָ ר: אָ, איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ קרבן איך וואָלט נישט געבראַכט — אָבער מיט וועמען זאָל איך הייראַטען?

יוליוס: איהר האַלט דאָס גליק אין דער האַנד און איהר... רעגט נאָך...

דאָקטאָר: איך ווייס נישט וואָס איהר מיינט.

יוליוס: די באָבע...

דאָקטאָר: גרויסער גאָט!

יוליוס: אַ דאַנק אייער מיטעל איז זי נאָך גאַנץ פריש און מונטער.

דאָקטאָר: אמת, אָבער...

יוליוס: אָבער, וואָס?

דאָקטאָר: אָבער, צי וויל זי מיך?

יוליוס: אַ שעהנע פראַגע! וואָס איז, זי איז נישט חוה׳ס אַ טאָכטער?

דאָקטאָר: אָבער איהר עלטער?

יוליוס: אָ, ער אייער גליק! פערגעסט נישט, אַז דאָס איז דער איינציגער בעדינג. זאָגט אָ, נעמט איהר איהם אָן?

דאָקטאָר (נאָך אַ קורצען ישוב־הדעת): יאָ, איך נעם אָן.

יוליוס (אַפּאַרט): מ׳מוז שמידען דאָס אייזען כל־זמן ס׳איז הייס. (ער קלינגט) ה׳ דאָקטאָר, מיין מיינונג איז, אַז איהר זאָלט זיך איהר שוין ערקלערען.

דאָקטאָר: און ווען בעקום איך מיין נייע שטעל?

יוליוס: אין טאָג פון אייער חתונה. (צום אַריינקומענדען דינער) דער הערר דאָקטאָר וויל זאָפאָרט ריידען מיט דער באָבע. (דינער גייט אב). איך לאָז אייך אליין מיט אייער בעשערטע, ה׳ דאָקטאָר און וועל דערווייל שרייבען וועגען אייך צו מיין פעטער.

## נײנטער אויפטריט.

דאָקטאָר (אַליין).

דאָקטאָר: איך ווייס נישט צו איך בין גוט צוגערייט... די זאַך איז מיר געקומען צו פּלוצלונג! מערקווירדיג... חתונה האָבען מיט דער באָבע!... וואָס טהוט מען? אָבער נישט צוליב אַ קאַריערע. (געדאַנקענפול) ניין, איך וויל זיך פאַר גאָרנישט אָפּשרעקען. (פרוי שטיינבערג קומט אַריין) גאָט, אָט איז זי!

## צעהנט ר אויפטריט

דאָקטאָר, פרוי שטיינבערג.

פרוי שטיינבערג: איהר ווילט מיט מיר רעדען, דאָקטאָר?

דאָקטאָר: גנעדיגע פרוי, (אַפּאַרט) גאָט, ווי אלט זי איז!

פרוי שטיינבערג: וואָס ווילט איהר, ליבער פריינד?

דאָקטאָר: איך האָב אייך איבערצוגעבען עפּעס וויכטיגעס — עפּעס זעהר וויכטיגעס.

פרוי שטיינבערג: איהר מאַכט מיך נייגיריג.

דאָקטאָר: לאָמיר זיך אַ ביסעל זעצען און ריידען ווי גוטע פריינד (זיי זעצען זיך נישט הייט פון אויתקן).

פרוי שטיינבערג: איך הער.

דאָקטאָר: זייט וויסען, טייערע פריינדין, —(אַפּאַרט) גאָט, ווי אַלט זי איז! (הויך, אָננעמענדיג איהר האנד) זייט וויסען, אַז... אַז... ווייסט מיר אייער פּולס... גאַנץ נאָרמאַל. יאָ, גאַנץ נאָרמאַל!

פרוי שטיינבערג: פאַרוואָס טאַפּט איהר מיר עפּעס דעם פּולס? בין איך דען קראַנק?

דאָקטאָר: איך מוז אייך צוגרייטען צו עפּעס...

פרוי שטיינבערג: איהר דערקענט מיך.

דאָקטאָר: איהר דאַרפט זיך נישט שרעקען; דאָס וועט אייך אפשר פערשאַפען פערגעניגען.

פרוי שטיינבערג: אָבער וואָס, וואָס?

דאָקטאָר: איך מוז אייך דערצעהלען אַ געהיימניס... אַ סוד פון וואָס ס'איז אָבהענגיג מיין לעבענס-גליק...

פרוי שטיינבערג: וואָס אַזוינס?

דאָקטאָר: שוין אַ יאָהר ווי איהר זעהט מיך כמעט יעדען טאָג ביי אייך, נישט נאָר אַלס זאָרגזאַמער און געוויסענהאַפטער דאָקטאָר, נאָר אויך אַלס טרייער פריינד...

פרוי שטיינבערג: יאָ, איך ווייס איהר... איהר זענט שטענדיג געווען אַ ליבער, טרייער פריינד.

דאָקטאָר: איהר ווייסט אָבער נישט, אַז איך האָב אייך אָבגענאַרט.

פרוי שטיינבערג: איהר האָט מיך אָבגענאַרט?

דאָקטאָר: יאָ, איהר ווייסט נישט, אַז אונטער דער דאָזיגער טרייהייט האָט געשטעקט עפּעס אַ מיין, אַ געוויסע אָבזיכט, אַ שטאַרקע ליידענשאַפט.

פרוי שטיינבערג: ליידענשאַפט?

דאָקטאָר: יאָ, אַ שטאַרקע אָבער אַכטונגספולע — אַ טיפע, אמת'ע ליבע.

פרוי שטיינבערג: אָבער וועמען ליבט איהר, אומגליקליכער?

דאָקטאָר: איהר פרעגט נאָך! ווער האָט געקאָנט אין מיר דערוועקען דאָס דאָזיגע אַכטונגספולע אין גלייכצייטיג גליהענדע געפיהל, אויב נישט איהר?

פרוי שטיינבערג (שפּרינגט־אויף): גערעכטער גאָט! איז עס מעגליך! (קינדליך) אָבער ה' דאָקטאָר!

דאָקטאָר (אויפשטעהענדיג, אַפּאַרט): זי בעקומט פייער. (הויך) די מורא פאַר אַ אָבזאָגענדען ענטפער האָט מיר ביז היינט געשלאָסען די ליפּען, נאָר היינט...

פרוי שטיינבערג: היינט...

דאָקטאָר (אַפּאַרט): ווי זי ברענט! (הויך) היינט איז געקומען די שעה, וואָס איך קאָן מעהר נישט איינהאַלטען מיינע געפיהלען.

פרוי שטיינבערג (אַפּאַרט, קוקענדיג אין שפּיגעל): איך קאָן אַלזאָ נאָך געפעלען!... פאַרוואָס נישט.

דאָקטאָר: איך האָב אייך אַלץ ענטדעקט און איצט וואַרט איך אַ ענטפער פון אייער שעהן מויל (אַפּאַרט) מיט די פאַלשע צייהן.

פרוי שטיינבערג: אייערע ווערטער זענען געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַז... איך ווייס נישט...

דאָקטאָר: פאַרגעסט אָבער נישט, אַז איך ליב אייך ערליך און אמת'דיג...

פרוי שטיינבערג: אָבער ווי קומט עס, דאָקטאָר, אַז איהר, אַזאַ פיינד פון התונה האָבען, זאָל...

דאָקטאָר: ס'עפענט זיך פאַר מיר אַ נייע צוקונפט... איך

וויל נישט, אַז איך זאָל נישט איבערלאָזען קיין קדיש.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג (אַראָבלאָזענדיג די אויגען): וואָס, איהר האָפּט נאָך?...

ד אָ ק ט אָ ר : דאָס אויג פון אַ דאָקטאָר נאַרט קיינמאָל נישט אָב, גנעדיגע פרוי.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : וואָס וועט אָבער די וועלט זאָגען?

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס אַרט אונז די וועלט? מיר האָבען דאָך נישט חתונה מיט די וועלט. אַלזאָ, זענט איהר איינשטימיג? מיר וועלען אוועקפאָהרען אין א אָרט וואו מ'קאָן אונז נישט.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : דאָקטאָר! (זי גיט איהם די האנד).

ד אָ ק ט אָ ר : איך בין גליקליך (קושט איהר די האנד). איהר האָט דאָך אָבער צוגעזאָגט אייערע אייניקלעך, אַז איהר וועט זיי קיינמאָל נישט פערלאָזען?

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : ווייס איך, מיין אייגען גליק איז פריהער!

ד אָ ק ט אָ ר (אפארט): איהר גליק! און מיין גליק, מיין קאר-יערע?! (הויך) אַלזאָ, איך געה אוועק ברענגען אין אָרדנונג מיינע זאַכען און זיך גרייטען צו אונזער גליקליכע חתונה.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : דו ביזט געראַכט, סאַלאָמאָן!— גאָט, איך האָב איהם געזאָגט דו!

ד אָ ק ט אָ ר : דאָס מאַכט נישט אויס.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : אָבער דו קומסט דאָך באַלד?

ד אָ ק ט אָ ר : יאָ (אָב).

## עלפטער אויפטריט.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : (אליין).

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : אויף ווידערזעהן, סאַלאָמאָן, אויף ווידערזעהן! ווי אמת ס'איז דאָס וואָרט, אַז א הארץ ווערט קיינ-מאָל נישט אַלט! איך פיהל מיך איצט מיט א סך יאָהר יונגער. אָבער דאָס דארף איך דאנקבאר זיין נאָר דעם דאָקטאָר. זיין ע-שטע רעצעפּט האָט מיר צוריק געגעבען די געזונדהייט און די לעצטע — די יוגענד. סאַלאָמאָן, דו מאַכסט מיך פאר די גליקליכ-

## צוועלפֿטער איפּטריט.

**פֿרוי שטיינבערג, פֿרוי האַרטשטיין.**

פֿרוי האַרטשטיין: ווי גוט דו זעהסט אויס מאַמאַ!
פֿרוי שטיינבערג: אַזאַ אונערוואַרטעט גליק!
פֿרוי האַרטשטיין (לאַכענדיג): דו האָסט געוואוּנען דאָס גרויסע געווינס?
פֿרוי שטיינבערג: יאָ, דאָס גרויסע געווינס. שטענדיג קומט עס ווען מ'ערוואַרטעט עס אַמוועניגסטען.
פֿרוי האַרטשטיין (אַפּאַרט): זי מיינט דעם פֿרעמדען! (הויך) נעמסטו עס אָן פֿאַר ערנסט?
פֿרוי שטיינבערג: פֿאַרוואָס נישט? ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.
פֿרוי האַרטשטיין: ער האָט עס דיר שוין געזאָגט?
פֿרוי שטיינבערג: יאָ, געזאָגט, ער האָט זיך דאָך ערקלערט...
פֿרוי האַרטשטיין: ערקלערט?
פֿרוי שטיינבערג: יאָ, ערקלערט אין ליבע. וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערען?
פֿרוי האַרטשטיין: אָבער מאַמאַ!
פֿרוי שטיינבערג: ער ליבט שוין זייט אַ יאָהר.
פֿרוי האַרטשטיין (אַפּאַרט): זי מיינט זיכער דעם פֿרעמדען. (הויך) אָבער מאַמאַ, דער העדר איז זיכער משוגע!
פֿרוי שטיינבערג: משוגע? — דערפֿאַר ווייל ער ליבט מיך?
פֿרוי האַרטשטיין (ערשטוינט): ער ליבט דיך — דיך?
פֿרוי שטיינבערג: יאָ, וועמען דען?
פֿרוי האַרטשטיין: דאָס איז דאָך אַ געמיינהייט!
פֿרוי שטיינבערג: וואָס, ס'איז אַ געמיינהייט מיך צו ליבען?
פֿרוי האַרטשטיין: ניין, נישט דאָס.

פרוי שטײנבערג: װאָס דען?

פרוי האַרטשטײן: ער איז אַ ליגנער, אַ אויסוואורף. ער נאַרט אונז ביידע אָבּ. מיר האָט ער זיך אויך ערקלערט אין ליבע. ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק איז ער דאָ געלעגען פאַר מיר, אָט דאָ, אויפ'ן דאָזיגען אָרט, אויף די קניה!

פרוי שטײנבערג: פאַר דיר אויף די קניה!... אָ, דאָס װעל איך נישט איבערהאַלטען! ס'איז, מיר נישט גוט! איך שטאַרב! (פאַלט אויף אַ שטול).

פרוי האַרטשטײן (רופט און קלינגט): אַרנאָלד! אַננאַ!

## דרייצענטער אויפטריט

די פאָריגע. אַרנאָלד, אַננאַ.

אַננאַ (קומט אַריין צולויפען): באָבעניו.

אַרנאָלד: וואָס איז געשעהן?

פרוי שטײנבערג: מ'האָט מיך ערמאָרדעט! איך שטאַרב!

אַננאַ: אומגליקליכע באָבעניו!

אַרנאָלד: ערמאָרדעט?

פרוי שטײנבערג: איך וועל איהם די אויגען אויס-קראַצען!

אַרנאָלד: װעמען?

פרוי שטײנבערג: יאָ, איך וועל איהם די אויגען אויסקראַצען!

אַרנאָלד: אָבער װעמען? זאָגט מיר שוין, װעמען?

פרוי שטײנבערג (שפרינגט-אויף): איך וועל איהם ווייזען!

אַרנאָלד (אַפּאַרט): אַ דאַנקען גאָט, אַז זי איז אויפגע-שטאַנען תחיית המתים.

פרוי שטײנבערג: מיין הוס און מאַנטעל! איך וועל איהם די אויגען אויסקראַצען (אָב ־ינקס).

## פירצענטער אויפטריט.

פרוי האַרטשטײן, אַרנאָלד, אַננאַ, דער-נאָך פרוי שטײנבערג, שפעטער דינער.

אַרנאָלד: אָבער ווען וועמען וויל זי די אויגען אויסקראַצן?
אַננאַ: דערצעהל דאָך, מאַמאַ?
אַרנאָלד: וואָס איז געשעהן?
פרוי האַרטשטיין (צו אַרנאָלד'ן): פריי זיך דאָס איז דיין אַרבייט, דו ביזט אין אַלעם שולדיג!
אַרנאָלד: זעלבסטפערשטענדליך, ס'קאָן דען אַנדערש זיין?
פרוי האַרטשטיין: דו און דיין פריינד, וואָס איז נישט בעסער פאַר דיר.
אַרנאָלד: אויף וועמען זענט איהר בייז, שוויגער, אויף יוליוס'ן וואָס ליבט אייך?
אַננאַ: ער ליבט די מאַמאַ?!
פרוי האַרטשטיין: ער איז אַ אונפערשעמטער מענש און איז אַהערגעקומען זיך איבער אונז לוסטיג צו מאַכען.
אַרנאָלד: איך גלויב דאָס קוים.
פרוי האַרטשטיין: אָבזולאַכען פון מיר און מיין מוטער.
פרוי שטיינבערג (קומט ביי אַריין דינקס מיט'ן הוט אויפ'ן קאָפּ און דעם מאַנטעל אויפ'ן אָרעם און לויפט דורך די טיר אין הינטערגרונד, טהוט זיך אויס'ן תּוך אָן דעם מאַנטעל און שרייט) מיך אַזוי בעליידיגט!
פרוי האַרטשטיין: איהר הערט!
אַרנאָלד: אויב אַזוי, וועל איך איהם נישט שווייגען. איך וועל איהם אַרויסרופען אויף אַ דועל!
אַננאַ: בּאַרמהערציגער גאָט, אויף אַ דועל!
אַרנאָלד: אָבער ערקלערט מיר וועגען וואָס ס'האַנדעלט זיך.
פרוי האַרטשטיין: שרעקליך! אַ געמיינהייט! נאָר וואָס האָט ער זיך מיר ערקלערט אין פייערדיגע ליבע און באַלד איז ער צוועק צו דער מאַמאַ און זיך איהר ערקלערט אין ליבע. נו?
אַרנאָלד: יאָ, מיר דאַכט זיך, אַז מיין פריינד איז נעבעך משוגע. ער האָט טאַקע פריהער גערעדט אַביסעל נישט צו דער זאַך.
פרוי האַרטשטיין: און אַזעלכע מענשען שלעפּסטו

אַריין צו זיך אין שטוב?!

אַ ר נ אָ ל ד: איך האָב איהם געשלעפּט, אידן! ער איז מיר אָבער אַ פריינד און איך טאָר איהם נישט לאָזען אויף הפקר אין אַזאַ לאַגע (קלינגט).

אַ נ נ אַ: וואָס ווילכסט טהון?

אַ ר נ אָ ל ד: איך וועל רופען צו איהם אונזער דאָקטאָר.

ד י נ ע ר (קומט אַריין).

אַ ר נ אָ ל ד (צום דינער): רופט שנעל אַריין דעם דאָקטאָר פעלדמאַן. זאָגט איהם, אַז ער זאָל זאָפאָרט קומען. מ'מוז אונטער-זוכען מיין פריינד וואָס איז היינט געקומען. ס'איז מיט איהם גע-געשעהן אַ אומגליק; ער איז משוגע געוואָרען. (דינער אָב) ער קאָן נאָך אַריינקומען, מיין אומגליקליכער פריינד, לאָזט מיך בעסער אַליין. איך וועל אפשר מיט איהר דך קאָנען דורכריידען, אַז קיי-נער וועט נישט זיין.

אַ נ נ אַ: אומגליקליכער.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט י י ן (אַפּאַרט): אַ שאָד, אַזאַ וואוילער! (אָב רעכטס צוזאַמען מיט אַנגאַ'ן).

## פינפצענטער אויפטריט.

אַ ר נ אָ ל ד, דערנאָך י ו ל י ו ס.

אַ ר נ אָ ל ד: און דאָ האָב איך מיך שוין געטרייסט מיט האָפנונג פטור צו ווערען כאָטש איין שוויגער. (דרעהט זיך אום צו דער טיר, וואָס עפענט זיך): אָט איז ער... ער רייבט זיך די הענד... ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געפרעהט... אומגליקליכער... ער זעהט טאַקע אויס ווי אַ משוגע'נער.

י ו ל י ו ס (קומט אַריין לעבעדיג): אָ, ליעבער אַרנאָלד, וואָס זאָל איך דיר זאָגען, איך בין גליקליך!

אַ ר נ אָ ל ד (דריקט איהם מיטליידענד די הענר): מיין ליבער יוליוס

י ו ל י ו ס: אַזאַ גליק! איך קאָן גאָרנישט קומען צו זיך. איך האָב מורא, אַז איך וועל משוגע ווערען!

אַ ר נ אָ ל ד (אַפּאַרט): ס'דאַכט זיך איהם ערשט...

י ו ל י ו ס: שטעל דיר פאָר, איך בלייב דאָך שוין דאָ.

אַ ר נ אָ ל ד (שאָקעלט איהם די האַנד): דאָס פרעהט מיך זעהר (אפּאַרט) ס'איז מיר גוט — צוויי שוויגערס און איין משוגע'נער!

יו ל יו ס: דו מוזט וויסען, אַז...

אַ ר נ אָ ל ד: ...דו ווילסט חתונה האָבען מיט מיין שוויגער'ס מאַמא.

יו ל יו ס: וואָס רעדסטו? וואָס פאַר'ע שוויגער'ס מאַמא! איך האָב אַזאַ איינער גאָרנישט געזעהען. איך רעד וועגען דיין שוויגער.

אַ ר נ אָ ל ד: וואָס ניצט דיר צו זאָגען ליגען, אַז איך האָב עדות! (רופט) אַננאַ! שוויגער!

## זעכצענטער אויפטריט.

די פאָ ר י גע, פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט יי ן אַ נ נ אַ.

אַ ר נ אָ ל ד: דער אונשולדיגער האָט שוין אַלץ פערגעסען! טאָ זאָגט איהם וואָס ער האָט געטהון דער באָבען!

אַ נ נ אַ: איהר האָט זיך איהר ערקלערט אין ליבע!

יו ל יו ס: וואָס רעדט איהר?!

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט יי ן: פונקט אַזוי ווי מיר, אָ, איהר פאַלשע!

יו ל יו ס: וואָס טהוט זיך דאָ? (אַפּאַרט) צי בין איך אין אַ משוגעים-הויז?

אַ ר נ אָ ל ד: נו, וואָס ענטפערסטו דערויף?

יו ל יו ס: איך ווייס נישט וואָס טהוט זיך מיט מיר. איך האָב פערלוירען מיין פערשטאַנד.

אַ ר נ אָ ל ד (הערצליך): ס'וועט איבערגעהן, ליבער יוליוס! (צו אַננאַ'ן) דער דאָקטאָר קומט אַלץ נישט! איך מוז אַליין געהן נאָך איהם (הויך) אַננאַ, ווייז מיין פריינד זיין צימער (שטיל) און, אַז ער וועט זיין אינוועניג, זאָלסטו איהם פערשליסען אויפ'ן שליסעל.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט יי ן (צו יוליוס'ן): איהר געהט?

יו ל יו ס: מיינע דאַמען, איך האָב געמיינט, אַז...

אַ ר נ אָ ל ד (צו אַננאַ'ן): אַז ער וועט זיך דיר דערוויל ערקלערען אין ליבע, זאָלסטו זיך נישט דערשרעקען.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט יי ן: איהר געהט?

יו ל יו ס: מיט אייך אַפילו ביז אין עק וועלט! (ביידע דאַ-

מען נעמען איהם ביי דער האַנד און שלעפּען איהם מיט זיך).

אַ ר נ אָ ל ד (שטיפּט איהם אונטער): געה, געה, ס'איז צו דיין גוטען.

אַ נ נ אַ (שטיל צו אַרנאָלד'ן): ער בייסט דאָך נישט?!

אַ ר נ אָ ל ד : ניין, אַזוי געפעהרליך קראַנק איז ער נאָך נישט, נאָר פּאָרזיכטיג מוזטו מיט איהם זיין. (ער מאַכט אַ בעוועגונג צו פערשליסען).

## זיבצענטער אויפטריט.

אַ ר נ אָ ל ד , דערנאָך דער ד אָ ק ט אָ ר .

אַ ר נ אָ ל ד : וואו איז דער דאָקטאָר? וואו האָט ער גע-קאָנט אַוועקקומען? (ער געהט-צו צו דער טיר. דער דאָקטאָר קומט איהם אַקעגען). אַ!

ד אָ ק ט אָ ר : איהר האָט געשיקט נאָך מיר, ליבער פריינד.

אַ ר נ אָ ל ד : מיר ערוואַרטען אייך מיט דעם גרעסטען אונגעדולד.

ד אָ ק ט אָ ר : זאָל עס ווירקליך זיין אמת? אייער פריינד —

אַ ר נ אָ ל ד : איז משוגע געוואָרען, דאָקטאָר, פאָלשטענדיג משוגע!

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס פאַר'ע כמנים האָט איהר בעמערקט?

אַ ר נ אָ ל ד : די ערשטע. שטעלט אייך פאָר, אַז ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער זיך באַלד ערקלערט אין ליבע מיין שוויגער.

ד אָ ק ט אָ ר : אין דעם זעה איך נישט קיין שום משוגעת.

אַ ר נ אָ ל ד : וואַרט נאָר; דאָס איז ערשט דער אָנהויב. באַלד דערנאָך איז ער אַוועק און זיך ערקלערט אין ליבע, טרעפט וועמען?

ד אָ ק ט אָ ר : אייער פרוי?

אַ ר נ אָ ל ד : איהר זענט אַראָב פון זינען? מיין פרוי? דאָס האָט נאָך געפעהלט!

ד אָ ק ט אָ ר : דער קעכין?

אַ ר נ אָ ל ד : נאָך ערגער... דער באָבע'ן!

ד אָ ק ט אָ ר: דער באָבע'ן? (גנאיוו) יאָ, אויב צווי איז ער משוגע.

אַ ר נ אָ ל ד: נו, זעהט איהר שוין.

ד אָ ק ט אָ ר: פֿאָלשטענדיג משוגע... זיין משוגעת וועט מיך אָ־בער טייער קאָסטען. וואָס וועט איצט זיין מיט אַלע זיינע צוזאָגען?

אַ ר נ אָ ל ד: ער האָט אייך עפּעס צוגעזאָגט?

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ, ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבען פּראָ־טעקציע צו דערגרייכען אַ קאַריערע, און דערפֿאַר האָט ער ביי מיר פֿערלאַנגט, אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט אייער שוויגער'ס מומע.

אַ ר נ אָ ל ד: אויסגעצייכענט! ווען ער האָט עס אייך פֿאָר־געלעגט איז ער נאָך, קענטיג, געווען ביים קלאָרען זין.

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ, ער האָט גערעדט גאַנץ זאַכליך.

אַ ר נ אָ ל ד: מ'רעדט שטענדיג זאַכליך ווען ס'האַנדעלט זיך פטור צו ווערען פֿון אַ שוויגער.

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס ערגסטע איז נאָך, אַז כ'האָב שוין גע־מאַכט אייניגע שריט אין דער דאָזיגער זאַך.

אַ ר נ אָ ל ד: איהר?

ד אָ ק ט אָ ר: איך האָב שוין געהאַט מיט מיין צוקונפֿטיגע בעשערטע... איך האָב איהר פֿאָרגעלעגט מיין האַנד...

אַ ר נ אָ ל ד: און זי האָט זי אָנגענומען?

ד אָ ק ט אָ ר: מיט'ן גרעסטען פֿערגניגען.

אַ ר נ אָ ל ד: גרויסאַרטיג! אָ, דאָקטאָר, איהר ווייסט גאָר ניש ווי איך פֿרעה זיך (אַפּארט) כאָטש איין שוויגער וועניגער.... (הויך) איהר וועט דאָך געוויס אַוועק ווייט מיט אייער גע־ליבטע?

ד אָ ק ט אָ ר: פֿריהער האָב איך עס זאָגאַר נישט גערעכענט.. פֿון מיין קאַריערע וועט דאָך שוין אָבער גאָרנישט ווערען, אויב אייער פֿריינד איז משוגע געוואָרען.

אַ ר נ אָ ל ד: איהר וועט איהם אָבער אויסקורירען, דאָקטאָר געהט זאָפאָרט אַריין צו איהם.

ד אָ ק ט אָ ר: יאָ, יאָ. איך וועל באַלד אַריינגעהן.

אַ ר נ אָ ל ד : און איהר וועט דאַך מיר באַלד זאָגען וואָס ס׳איז מיט איהם? (אָב)

ד אָ ק ט אָ ר : יאָ.

## אַכצענטער אויפטריט.

ד אָ ק ט אָ ר , דערנאָך פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג .

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס פאַר אַ שלום-מזל איך בין. איך בין שוין געוועזן אַזוי נאָענט צו מיין גליק און צום סוף, נאַ דיר גאָר אַ משוגע׳נעם.

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג (לויפט אַריין מיט׳ן הוט און מאַנטעל), נאַ, אָט איז ער!

ד אָ ק ט אָ ר (דרעהט זיך אום, אַפּאַרט): די אַלטע! (הויך) גנעדיגע פרוי —

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג : איך וויים אַלץ, אַלץ!

ד אָ ק ט אָ ר : העלענאַ!

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג : פאַר אייך בין איך נישט מעהר קיין העלענאַ!

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס זאָגט איהר?

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג : איהר זענט אַ צבוע׳ק, אַ פאַלשער מענש!

ד אָ ק ט אָ ר : איך?

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג : אַנידערטרעכטיגער מענש!

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס האָב איך דען געטהון?

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג : איהר פרעגט נאָך?

ד אָ ק ט אָ ר (אַפּאַרט): זענען דאָ אַלע משוגע?

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג : דאָס איז די איבעראַשונג וואָס איהר האָט מיר פריהער געמאַכט?

ד אָ ק ט אָ ר : איך פערשטעה נישט קיין וואָרט; מיר דאַכט זיך, אַז איך חלום...

פ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג : האָט איהר פריהער אויך גע׳חלום׳ט ווען איהר זענט געלעגען אויף די קניה?

ד אָ ק ט אָ ר : אויף די קניה? איך? וואו?

פֿרוי שטיינבערג: דאָ — אָט דאָ — פֿאַר מיין טאָכטער!
דאָקטאָר: פֿאַר אייער טאָכטער?
פֿרוי שטיינבערג: זיך איהר צו ערקלערען אין ליבע.
דאָקטאָר: איך?
פֿרוי שטיינבער: ווער דען, איך? פּרובט נישט אָפּצולייקענען... זי האָט אונז אַלץ דערצעהלט.
דאָקטאָר: מיר דאַכט זיך, אַז איהר זענט אַלע משוגע געוואָרען.
פֿרוי שטיינבערג: איהר ערלויבט זיך מיך אַזוי צו בעליידיגען ווייל איך בין אַ שוואַכע, שוצלאָזע פֿרוי, אָ, איהר געמיינער מענש!

## נײַנצענטער אויפֿטריט.

די פֿאָריגע. אַרנאָלד.

אַרנאָלד: וואָס טהוט זיך דאָ?
פֿרוי שטיינבערג: לאָז מיך צו רוה! אָט איז ער נאָר וואָס געלעגען אויף דער קניה פֿאַר מיין טאָכטער.
אַרנאָלד: דער דאָקטאָר?
דאָקטאָר: גאָט איז מיין עדות!
פֿרוי שטיינבערג: שווייגט, איהר פֿאַלשער מענש! זי האָט מיר אַלץ מודה געווען.
אַרנאָלד: אונמעגליך! איז דאָס ווירקליך אמת, דאָקטאָר?
דאָקטאָר: איך גיב אייך מיין עהרענוואָרט...
פֿרוי שטיינבערג: איהר האָט נישט קיין עהרע. וואַרט, וואַרט, איך וועל זיך נאָך מיט אייך אָבּרעכנען.
אַרנאָלד (צו פֿרוי שטיינבערג): לאָזט מיך איבער אַליין מיט'ן דאָקטאָר און איך וועל אַלץ ברענגען אין אָרדנונג.
פֿרוי שטיינבערג: אבער דו מוזט נעהמען נקמה פֿאַר מיר, אַרנאָלד! (געהט פֿאַרביי דעם דאָקטאָר) איך וועל אייך נאָך אָנלערנען! (אָב. דער דאָקטאָר ציהט זיך פֿאַר איהר דערשראָקען צוריק).

## צוואַנציגסטער אויפטריט.

אַרנאָלד, דאָקטאָר, דערנאָך יוליוס.

אַרנאָלד: איצט, אַז מיר זענען געבליבען אונטער פיער אויגען, קענט איהר דאָך מיר שוין זאָגען, דאָקטאָר, וואָס האָט איהר געטהון?

דאָקטאָר: אַך לאָזט מיך צורוה...

אַרנאָלד: אין אייער עלטער איז נישט אַזוי שעהן זיך אַרומצושלעפען מיט ליבעס — ערקלערונגען — דאָס איז גאָרנישט אַנשטענדיג.

דאָקטאָר: איהר בעליידיגט מיך!

אַרנאָלד: און איהר האָט בעליידיגט מיין פריינד.

יוליוס: (אַריינקומענדיג, אַפּאַרט) דאָס מיינט מען מיך.

אַרנאָלד: ער האָט זיך בעמיהט פאַר אייך, אַז איהר זאָלט דערגרייכען אַ קאַריערע און איהר האָט איהם דערפאַר בעצאָהלט דערמיט וואָס איהר האָט איהם געוואָלט אונטריי מאַכען די פרוי װעלכע ער ליבט!

יוליוס (אַרויסטרעטענדיג): וואָס הער איך?

אַרנאָלד: יוליוס! דו דא! ווי אַזוי קומסטו אַהער?

יוליוס: איך האָב געהאַט גענוג מיה ביז כ'האָב בערוהיגט די דאַמען. אָבער וואָס קומט דאָ פאָר?

אַרנאָלד: גאָרנישט, גאָרנישט!

יוליוס: איך האָב אַלץ געהערט! דער דאָזיגער הערר וויל מיר צורויבען דאָס האַרץ פון דיין שוויגער.

אַרנאָלד: און דו האָסט זיך גע'שדכנ'ט צו איהר מוטער.

יוליוס: הער שוין אַמאָל אויף פון דער דאָזיגער נאַרישקייט. דאָס איז אַ געמיינער רכילות.

דאָקטאָר: רכילות זאָגט איהר!

יוליוס: ווע־, איך?

דאָקטאָר (שרייט): יאָ.

יוליוס (שרייט): איך וועל זיך נישט לאָזען בעליידיגען, איהר הערט!

## איינאונצוואנציגסטער אויפטריט.

די פאָריגע, פ״וי האַרטשטיין, צונגע, פרוי שטיינבערג.

פרוי האַרטשטיין: וואָס איז דאָ פאַר אַ לאַרם?

דאָקטאָר: איהר זענט געקומען צו דער ריכטיגער צייט.

פרוי שטיינבערג: וואָס שרייט איהר אַזוי?

אַרנאָלד: איצט מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַלץ קלאָר ווערען

פרוי שטיינבערג (צו איהר טאָכטער, אָנווייזענדיג אויפ׳ן דאָקטאָר): איז ער נישט געלעגען פאַר דיר אויף די קניה?

פרוי האַרטשטיין: ווער, דער דאָקטאָר? ניין, קיינמאָל נישט!

פרוי שטיינבערג: דו האָסט מורא איהם צו זאָגען דעם אמת אין די אויגען אריין. ווי לאַנג איז אָבער ווי דו האָסט מיר געזאָגט, אַז ער איז פאַר דיר געלעגען אויף די קניה.

פרוי האַרטשטיין: נישט ער! (אָנווייזענדיג אויף יוליוס׳ן): איהם האָב איך געמיינט. איהם, וואָס האָט זיך אונז ביידע ערקלערט אין ליבע.

יוליוס: ווער איך?

פרוי שטיינבערג: ניין, מיר האָט ער זיך נישט ערקלערט.

דאָקטאָר (צו פרוי האַרטשטיין): און איך האָב זיך אייך יאָ ערקלערט אין ליבע?

פרוי האַרטשטיין: ניין.

אַרנאָלד: איצט ווערט מיר אַלץ קלאָר!

## צוויייאונצוואנציגסטער אויפטריט.

די פאָריגע. דער דינער.

דינער (דורכ׳ן הינטערגרונד): אַ טעלעגראַמע פאַר׳ן ה׳ דאָקטאָר. (אָב)

דאָקטאָר: פאַר מיר? (עפענט שנעל די טעלעגראַמע) אָ, איך בין גליקליך, מיין קאַריערע איז דערגרייכט! (צו יוליוס׳ן) און דאָס אַלץ האָב איך אייך צו פערדאַנקען.

יוליוס (שטיל צו איהם): יאָ. פערגעסט אָבער נישט דעם

בעדינג.

ד אָ ק ט אָ ר : ניין. איך געדענק עס גוט. אָ, איך בין איצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט! (פאַלט אַננאַ'ן צו די פיס).

אַ נ נ אַ : וואָס ווילט איהר פון מיר?

אַ ר נ אָ ל ד : וואַס ווילט איהר פון מיין פרוי?

ד אָ ק ט אָ ר : ענטשולדיגט, איך בין אַזוי צומישט פון פרייד, אַז... (זעגעט זיך אויף דער קניה צו פרוי הארטשטיין): איהר ווייסט דאָך שוין, אַז איך ליב נאָר אייך. (ער דערזעהט ווידער זיין טעות און שפּט זיך צו אויף דער קניה צו פרוי שטיינבערג) איך בין אונשולדיג, פאר פרייד בין און אַזוי ווי צומ'שט. גיט מיר אייער האַנד אַלס בעוויז, אַז איהר זענט מיר אַלץ מוחל.

פ ר ו י ש ט י י נ ב ע ר ג : שטעהט-אויף, דאָקטאָר. נו, שטעה שוין אויף, סאַלאָמאָן! (צו אַלע) ליבע קינדער, איך מוז זיך מיט אייך שיידען, וואָרום מיין מאַן פערלאַנגט, אַז איך זאָל וואוינען נאָר מיט איהם אַליין.

אַ ר נ אָ ל ד : איהר ווילט אונז פער־לאָזען? ניין, איך וועל עס נישט לאָזען!

אַ נ נ אַ (שטיל צום מאַן): דו מיינסט עס דאָך נישט ערנסט?

י ו ל י ו ס (צו פרוי הארטשטיין): און איך, גנעדיגע פרוי, האָב איך אויך נאָך האָפנונג?

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט י י ן : יאָ, אז איהר וועט מיר צו זאָגען, אַז איהר וועט זיך מעהר נישט ערקלערען מיין מוטער.

י ו ל י ו ס : ס'איז דאָך נאָר געווען אַ מיספערשטענדניש.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט י י ן : איך גלויב אייך (גיט איהם די האַנד).

י ו ל י ו ס (קושט זי): איך בין אויך גליקליך.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט י י ן : איך קען אָבער אויך דאָ מעהר נישט בלייבען. איך וועל דאָך מוזען זאָרגען פאַר מיין מאַן.

| | |
|---|---|
| פ ר ו י ש ט י י נ ב ע ר ג :<br>ד אָ ק ט אָ ר :<br>י ו ל י ו ס :<br>פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט י י ן : | (צו אַלעמען) ווי גליקליך מיר זענען! |

אַ ר נ אָ ל ד : און איך בין דער גליקליכסטער מענש. בטור בעוואָרען מיט איינמאָל פון צוויי שוויגערס!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

פערלאַג „יודיש“ וואַרשא.

## 8) ברוך שפינאָזא ............ ש. סטופניצקי.

(„שפינאָזא איז טייער דער גאַנצער מענשהייט, אָבער נאָכמעהר אונז, יודען, און דעריבער איז כמעט דער חוב פאַר יעדען יודען זיך גרינדליך צו בעקאַנען מיט'ן גייסט און פילאָזאָפישער־שיטה“). פרייז 13.50 מ.

## 9,10) די פרוי ................. אַ סטרינדבערג.

(„דער ראָמאַן „די פרוי“ האָט אַרויסגערופען אַ סענסאַציע אין איירָאָפּאַ און האָט באַלד אויפגעשטעלט דעם אויטאָר אין די ערשטע רייהען פון די וועלט־קינסטלער“). פרייז 25 מאַרק.

## 11) לינא I. טער באַנד, אויס דער סעריע, „לענדער און פעלקער“, צוזאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַסעל און מ. בירנבוים.

(„דאָס דאָזיגע בוך בעהאַנדעלט אויספיהרליך די געאָגראַפישע לאַגע קלימאַט, אמונה, מנהגים, מלוכה־פיהרונג און אַרט־לעבען פון לינע און אויך פון די קליינע מזרח־מלוכה'לעך, ווי: קאָרייע, מאַנדזשוריען, מאָנגאָליען א. צ. וו.“ (רייך אילוסטרירט). פרייז 16 מאַרק.

## 12) ווען קייטען קלינגען ............ אָלגין.

(„אין דעמדאָזיגען בוך ווערט מייסטערהאַפט געשילדערט דער גרויזאַמער קאַמף געגען די צאַרישע צייטען און טורמעס, וואָס האָבען געפייניגט דעם פרייען גייסט פון רוסלאַנד“) פרייז 13.50 מאַרק.

## 13,14) טויזענד און איין נאַכט.

(„דער נאָמען אַליין ברענגט פאַר די אויגען גרויס פון חייסע פעַנטאַסטישע שפּילען. דאָס זענען יענע דופטיגע מעשה'לעך, וואָס פאַרסען פריין אַ גאָלדענעם גן־עדן־חלום אין דעם גרויען אייליגען חוואַ פון לעבען“) 2 בילער פרייז 27 מאַרק